נומער 6

<u>עקזעקיוטיוו אָרדער</u>

**פארזעצונג און אפלויף פון פריערדיגע עקזעקיוטיוו ארדערס**

**אזוי ווי,** אויספאלגנדיג עקזעקיוטיוו ארדער 1, איז אן איבערבליק אדורכגעפירט געווארן איבער אלע עקזעקיוטיוו ארדערס און ענדערונגען צו עקזעקיוטיוו ארדערס וועלכע זענען אין קראנפט אויפן היינטיגן טאג;

**אזוי ווי,** דורכאויס די מהלך פון די איבערבליק איז באשטימט געווארן אז געוויסע עקזעקיוטיוו ארדערס זענען נישט נויטיג, פארעלטערט אדער זענען פאר אן אנדערע סיבה ווערט צו אפגעשטעלט ווערן;

**אזוי ווי,** עס איז אויך באשטימט געווארן אז געוויסע עקזעקיוטיוו ארדערס באנעמען זיך מיט אנגייענדע אנגעלעגנהייטן און זענען ווערט צו פארגעזעצט ווערן; און

**אזוי ווי,** עס איז וויכטיג צו קלאר מאכן פארן פובליק וועלכע עקזעקיוטיוו ארדערס בלייבן אין קראפט און וועלכע זענען מער נישט גילטיג;

**יעצט, דערפאר, טוה איך, קעטי האוקאל,** גאווערנאר פון ניו יארק סטעיט, אונטער די כוח פון די אויטאריטעט געשאנקען צו מיר דורך די קאנסטיטוציע און געזעצן פון ניו יארק סטעיט, דערמיט באפעלן אז נאכן איבערטראכטן, זיך מיישב זיין און איבערקוקן וויפיל עס האט אויסגעפעהלט, זענען אלע עקזעקיוטיוו ארדערס ארויסגעגעבן דורך פאריגע גאווערנארס דערמיט צוריקגעצויגן, בטל און מער נישט גילטיג אינגאנצן, מיט די אויסנאם פון די עקזעקיוטיוו ארדערס אויסגערעכנט אונטן און סיי וועלכע ענדערונגען צו זיי, די אויסגערעכנטע זאלן בלייבן אין פון קראפט ביז זיי ווערן אנדערשוואו צוריקגעצויגן, ערזעצט אדער געענדערט:

I. **עקזעקיוטיוו ארדערס פון גאווערנאר נעלסאן א. ראקעפעלער וועלכע בלייבן אין קראפט**

a. עקזעקיוטיוו ארדער נומער 42, ארויסגעגעבן אום אקטאבער 14, 1970 (פארבינדן מיט פראצעדורן פארן אריינגעבן קלאגעס און מאכן פשרות איבער געוויסע אומצופרידנהייטן פון סטעיט ארבייטער).

II. **עקזעקיוטיוו ארדערס פון גאווערנאר מאריאו מ. קאומאו וועלכע בלייבן אין קראפט**

a. עקזעקיוטיוו ארדער נומער 5, ארויסגעגעבן אום פעברואר 16, 1983 (אוועקשטעלנדיג די פרויען'ס אפטיילונג אין די עקזעיוטיוו טשעימבער);

b. עקזעקיוטיוו ארדער נומער 7, ארויסגעגעבן אום פעברואר 18, 1983 (אוועקשטעלנדיג א גאווערנאר'ס ראטגעבער קאמיטע פאר היספאנישע אנגעלעגנהייטן [Governor's Advisory Committee for Hispanic Affairs]);

c. עקזעקיוטיוו ארדער נומער 8, ארויסגעגעבן אום פעברואר 25, 1983 (אנווייזנדיג סטעיט אגענטורן צו אין באטראכט נעמען די וועג וויאזוי א פירמע באהאנדלט זיך מיט ארבייטער ביים שענקן סטעיט קאנטראקטן);

d. עקזעקיוטיוו ארדער נומער 11, ארויסגעגעבן אום אפריל 26, 1983 (פארברייטערנדיג די מיטגלידערשאפט און מעגליכקייטן פון די סעקיוריטיס [חובות סטאָקס] קאָארדינעיטינג קאמיטע);

e. עקזעקיוטיוו ארדער נומער 12, ארויסגעגעבן אום מאי 3, 1983 (אנווייזנדיג די סטעיט אפיס פאר עלטערע מענטשן [Office for the Aging] צו איבערקוקן און קאמענטירן אויף פאליסיס וועלכע האבן א השפעה אויף עלטערע מענטשן);

f. עקזעקיוטיוו ארדער נומער 17, ארויסגעגעבן אום מאי 31, 1983 (אוועקשטעלנדיג סטעיט פאליסיס אויף פריוואטע אינסטיטוציעס וועלכע דיסקרימינירן);

g. עקזעקיוטיוו ארדער נומער 19, ארויסגעגעבן אום מאי 31, 1983 (ניו יארק סטעיט פאליסי סטעיטמענט איבער סעקסועלע שלעכטע אויפפירונג ביים ארבעטספלאץ);

h. עקזעקיוטיוו ארדער נומער 23, ארויסגעגעבן אום סעפטעמבער 1, 1983 (אוועקשטעלנדיג די אפיס פון ניו יארק סטעיט אַמבודסמען [צו איבערקוקן קלאגעס פון מענטשן קעגן אינסטיטוציעס]);

i. עקזעקיוטיוו ארדער נומער 26, ארויסגעגעבן אום אקטאבער 7, 1983 (אנווייזנדיג די סטעיט אפיס פון אדוואקאט פאר די דיסעיבעלד [Office of Advocate for the Disabled] צו איבערקוקן און קאמענטירן אויף פאליסיס וועלכע האבן א השפעה אויף מענטשן מיט דיסעביליטיס);

j. עקזעקיוטיוו ארדער נומער 34, ארויסגעגעבן אום יאנואר 13, 1984 (אוועקשטעלנדיג די ניו יארק סטעיט מענטשן רעכטן אדווייזארי קאָונסיל [New York State Human Rights Advisory Council]);

k. עקזעקיוטיוו ארדער נומער 46, ארויסגעגעבן אום אוגוסט 28, 1984 (גיבנדיג די נאמען פאר די סטעיט אפיס געביידע קאמפוס אין אלבאני "די גאווערנאר וו. עווערעל הערימען קאמפוס סטעיט אפיס געביידע קאמפוס");

l. עקזעקיוטיוו ארדער נומער 56, ארויסגעגעבן אום דעצעמבער 20, 1984 (אוועקשטעלנדיג די ניו יארק סטעיט איינהייט אויף לעבן און די געזעץ [New York State Task Force on Life and the Law]);

m. עקזעקיוטיוו ארדער נומער 66, ארויסגעגעבן אום יוני 5, 1985 (אוועקשטעלנדיג א גאווערנאר'ס ראטגעבער קאמיטע פאר טונקל-הויטיגע אנגעלעגנהייטן [Governor's Advisory Committee for Black Affairs]);

n. עקזעקיוטיוו ארדער נומער 77, ארויסגעגעבן אום אקטאבער 31, 1985 (אוועקשטעלנדיג מיטגלידערשאפט אין די מארטין לוטער קינג דזשוניאר קאמיסיע);

o. עקזעקיוטיוו ארדער נומער 80, ארויסגעגעבן אום מערץ 21, 1986 (קינדער יוסטיץ פלאנירונג);

p. עקזעקיוטיוו ארדער נומער 82, ארויסגעגעבן אום מאי 2, 1986 (אוועקשטעלנדיג די גאווערנאר'ס אפיס פאר היספאנישע אנגעלעגנהייטן [Governor's Office for Hispanic Affairs]);

q. עקזעקיוטיוו ארדער נומער 95, ארויסגעגעבן אום אפריל 15, 1987 (דעזיגנירנדיג די קאטאסטראפע גרייטקייט קאמיסיע [Disaster Preparedness Comission] אלץ די סטעיט עמערדזשענסי רעאגירונג קאמיסיע [State Emergency Response Commission]);

r. עקזעקיוטיוו ארדער נומער 96, ארויסגעגעבן אום אפריל 27, 1987 (שטופנדיג פאר א ניו יארק סטעיט פאליסי סטעיטמענט קעגן דיסקרימינאציע לויט די עלטער ביים ארבעטספלאץ);

s. עקזעקיוטיוו ארדער נומער 97, ארויסגעגעבן אום אפריל 27, 1987 (דעזיגנירנדיג די טראפיק זיכערהייט קאמיטע [Traffic Safety Committee] אלץ די סטעיט אגענטור צו קאארדינירן און באשטעטיגן סטעיט הייוועי זיכערהייט פראגראמען);

t. עקזעקיוטיוו ארדער נומער 98, ארויסגעגעבן אום מאי 13, 1987 (אוועקשטעלנדיג א נייע סטעיט קאַונסיל איבער מעדיצינישע בילדונג פאר גראדואריטע [State Council on Graduate Medical Education]);

u. עקזעקיוטיוו ארדער נומער 100, ארויסגעגעבן אום אוגוסט 31, 1987 (גיבנדיג די נאמען פאר די וואָטערטאַון סטעיט אפיס געביידע "די דאָלעס סטעיט אפיס געביידע");

v. עקזעקיוטיוו ארדער נומער 111, ארויסגעגעבן אום אוגוסט 11, 1988 (אנווייזנדיג די אטוירני דזשענעראל צו אויספארשן אנגעלעגנהייטן פון פארברעכנס פארבינדן מיט נייגונגען);

w. עקזעקיוטיוו ארדער נומער 114, ארויסגעגעבן אום דעצעמבער 9, 1988 (גיבנדיג די נאמען פאר די פּוקיפּסי סטעיט אפיס געביידע "די עלענאָר ראזעוועלט סטעיט אפיס געביידע");

x. עקזעקיוטיוו ארדער נומער 125, ארויסגעגעבן אום מאי 22, 1989 (אוועקשטעלנדיג א קאַונסיל איבער אגענטורן מיט קאנטראקטן [council of contracting agencies]);

y. עקזעקיוטיוו ארדער נומער 131, ארויסגעגעבן אום דעצעמבער 4, 1989 (אוועקשטעלנדיג אדמיניסטראטיווע אורטייל פלענער);

z. עקזעקיוטיוו ארדער נומער 147, ארויסגעגעבן אום יולי 31, 1991 (אוועקשטעלנדיג אן אפיס פאר אינדיאנע באציאונגען [Office of Indian Relations]);

aa. עקזעקיוטיוו ארדער נומער 150, ארויסגעגעבן אום אקטאבער 9, 1991 (נייע לאנד באנוץ און אנטוויקלונג דורך סטעיט אגענטורן אין די אדיראָנדעק פארק);

bb. עקזעקיוטיוו ארדער נומער 158, ארויסגעגעבן אום יוני 23, 1992 (גיבנדיג א נאמען פאר די ניו סקאטלענד עוועניו לאבארעטאריע געביידע "די דעיוויד עקסעלראַד אינסטיטוט פאר פובליק העלט");

cc. עקזעקיוטיוו ארדער נומער 169, ארויסגעגעבן אום מערץ 22, 1993 (אנווייזנדיג סטעיט אגענטורן צו ארבעטן צוזאמען צו אויספירן די אָפּער דעלעווער טייך מענעדזשמענט פלאן);

dd. עקזעקיוטיוו ארדער נומער 170.1, ארויסגעגעבן אום יוני 23, 1993 (אוועקשטעלנדיג איינהייטליכע אנווייזונגען צו באשטימען די פאראנטווארטליכקייטן פון קערפערשאפטן וואס מאכן אן אנבאט אין א ליציטאציע [אויקשען]); און

ee. עקזעקיוטיוו ארדער נומער 179, ארויסגעגעבן אום דעצעמבער 30, 1993 (אוועקשטעלנדיג די ניו יארק סטעיט קאמיסיע איבער נאציאנאלע און קאמיוניטי דינסט [New York State Commission on National and Community Service]);

**III. עקזעקיוטיוו ארדערס פון גאווערנאר דזשארדזש אי. פּאַטאַקי וועלכע בלייבן אין קראפט**

a. עקזעקיוטיוו ארדער נומער 26.1, ארויסגעגעבן אום סעפטעמבער 28, 2006 (אנהויבנדיג צו נוצן די נאציאנאלע אינצידענט מענעדזשמענט סיסטעם [National Incident Management System] אלץ מענעדזשמענט סיסטעם פאר עמערדזשענסי רעאגירונג);

b. עקזעקיוטיוו ארדער נומער 40, ארויסגעגעבן אום יולי 26, 1996 (אנווייזנדיג סטעיט אגענטורן צו רעגיסטרירן עמיסיע רעדוקציע קרעדיטס);

c. עקזעקיוטיוו ארדער נומער 49, ארויסגעגעבן אום פעברואר 12, 1997 (אוועקשטעלנדיג פראצעדורן צו אין באטראכט נעמען דאס באנוץ מיט איין אדער מער פראיעקט ארבעטסקראפט אפמאך [project labor agreement] אויף אירע פראפערטיס);

d. עקזעקיוטיוו ארדער נומער 51, ארויסגעגעבן אום מאי 20, 1997 (אקטיוויטעטן פון סטעיט אגענטורן אין די ניו יארק סיטי וואָטערשעד [וואסער אפלויף שטרוים]);

e. עקזעקיוטיוו ארדער נומער 57, ארויסגעגעבן אום אקטאבער 23, 1997 (אוועקשטעלנדיג די ניו יארק סיטי וואָטערשעד [וואסער אפלויף שטרוים] באשיצונג און צוזאמענארבעט קאונסיל [New York City Watershed Protection and Partnership Council]);

f. עקזעקיוטיוו ארדער נומער 83, ארויסגעגעבן אום יולי 1, 1998 (אוועקשטעלנדיג די דזשעקי ראַבינסאן עמפּייער סטעיט פרייהייט מעדאל און די דזשעקי ראַבינסאן עמפּייער סטעיט פרייהייט מעדאל קאמיסיע);

g. עקזעקיוטיוו ארדער נומער 86, ארויסגעגעבן אום אוגוסט 19, 1998 (אוועקשטעלנדיג די ניו יארק סיטי וואָטערשעד [וואסער אפלויף שטרוים] אינספעקטאר דזשענעראל [New York City Watershed Inspector General]);

h. עקזעקיוטיוו ארדער נומער 116, ארויסגעגעבן אום יאנואר 7, 2002 (אריינברענגנדיג פונדאסניי די סטעיט טרוקעניש מענעדזשמענט איינהייט [State Drought Management Task Force]);

i. עקזעקיוטיוו ארדער נומער 117, ארויסגעגעבן אום יאנואר 28, 2002 (אוועקשטעלנדיג די פאזיציע פון טשיעף אינפארמאציע אפיציר [Chief Information Officer, CIO] פון ניו יארק סטעיט);

j. עקזעקיוטיוו ארדער נומער 125, ארויסגעגעבן אום מערץ 24, 2003 (אנווייזנדיג סטעיט בעאמטע צו זיכער מאכן אז די פאסיגע באשיצונגען און בענעפיטן ווערן פארברייטערט פאר די מיטגלידער פון רעזערוו ארמיי קראפט פון די פאראייניגטע שטאטן און די ארגאניזירטע מיליציע פון ניו יארק סטעיט);

k. עקזעקיוטיוו ארדער נומער 128, ארויסגעגעבן אום יוני 16, 2003 (דעזיגנירנדיג די לאָוער מאנהעטן אנטוויקלונג קערפערשאפט [Lower Manhattan Development Corporation] צו דורכפירן ענווייראמענטאלע ווירקונג איבערבליק און ערפילן פאדערונגען צו קענען באקומען פעדעראלע הילף אין פארבינדונג מיט די פרישע אנטוויקלונג פון לאָוער מאנהעטן נאכפאלגנדיג די טעראר אטאקעס פון סעפטעמבער 11, 2001); און

l. עקזעקיוטיוו ארדער נומער 142, ארויסגעגעבן אום נאוועמבער 21, 2005 (אנווייזנדיג סטעיט אגענטורן און אויטאריטעטן צו פארמערן די פארשידנהייט פון טראנספארטירטע גאז און הייצונג אויל סופּלייס דורכן נוצן ביאלאגישע גאזן אין סטעיט קארן און געביידעס).

**IV. עקזעקיוטיוו ארדערס פון גאווערנאר עליאט ל. ספּיצער וועלכע בלייבן אין קראפט**

a. עקזעקיוטיוו ארדער נומער 3, ארויסגעגעבן אום יאנואר 1, 2007 (שטופנדיג פאר פובליק צוטריט צו רעגירונג באשלוסן);

b. עקזעקיוטיוו ארדער נומער 9, ארויסגעגעבן אום מערץ 5, 2007 (באפעלנדיג קאמישאנער פון טורמע סערוויסעס דעפארטמענט [Department of Correctional Services] נישט צו לאזן געוויסע פארברעכער צו אנטיילנעמען אין צייטווייליגע באפרייאונג פראגראמען);
c. עקזעקיוטיוו ארדער נומער 13, ארויסגעגעבן אום מאי 18, 2007 (אוועקשטעלנדיג די ניו יארק סטעיט קאַונסיל אויף עסן פאליסי [New York State Council on Food Policy]);
d. עקזעקיוטיוו ארדער נומער 17, ארויסגעגעבן אום סעפטעמבער 5, 2007 (אוועקשטעלנדיג די געמיינזאמע אינפארסירונג איינהייט אויף באנעמונג פון ארבעטער ווי קאנטראקטארס [Joint Enforcement Task Force on Employee Misclassification]);
e. עקזעקיוטיוו ארדער נומער 19, ארויסגעגעבן אום אקטאבער 22, 2007 (פאדערנדיג דאס איינפירונג פון משפחה אַביוז און די ארבעטספלאץ פאליסיס [Domestic Violence and the Workplace Policies]);

V. **עקזעקיוטיוו ארדערס פון גאווערנאר דעיוויד א. פעטערסאן וועלכע בלייבן אין קראפט**

a. עקזעקיוטיוו ארדער נומער 4, ארויסגעגעבן אום פעברואר 25, 2008 (אוועקשטעלנדיג א סטעיט פראגראם פאר אגענטורן צו אויפנעמען גרינע סערוויסעס און זיך אויפפירן מיט פאראנטווארטליכקייט צו די ענווייראמענט [State Green Procurement and Agency Sustainability Program]);
b. עקזעקיוטיוו ארדער נומער 6, ארויסגעגעבן אום יוני 4, 2008 (פארזיכערנדיג אז קאנטראקטן פאר פערזענליכע סערוויסעס זענען נישט מיט איבערגעטריבענע פרייזן);
c. עקזעקיוטיוו ארדער נומער 7, ארויסגעגעבן אום יוני 18, 2008 (פארבאט קעגן פערזענליכע באנוץ מיט סטעיט פארמעגנס און קאמפיין ביישטייערונגען צו די גאווערנאר);
d. עקזעקיוטיוו ארדער נומער 16, ארויסגעגעבן אום אפריל 15, 2009 (אוועקשטעלנדיג די סטעיטווייד קאַונסיל פון אדיקשענס צוזאמענארבעט צו פארבעסערן די תוצאות פאר ניו יארקער [Addictions Collaborative to Improve Outcomes for New Yorkers, ACTION]);
e. עקזעקיוטיוו ארדער נומער 17, ארויסגעגעבן אום אפריל 27, 2009 (אוועקשטעלנדיג מיטלען צו אפשאצן די קאסטן פון פאדערונגען פון לאקאלע רעגירונגען צו ארויסגעבן פראַפערטי טעקס פארלייכטערונג);
f. עקזעקיוטיוו ארדער נומער 18, ארויסגעגעבן אום מאי 5, 2009 (באגרעניצנדיג דאס באנוץ מיט וואסער פלעשער ביי סטעיט אינסטיטוציעס און שטופנדיג פאר עקזעקיוטיוו אגענטור פאראנטווארטליכקייט צו די ענווייראמענט);
g. עקזעקיוטיוו ארדער נומער 20, ארויסגעגעבן אום מאי 29, 2009 (גיבנדיג די נאמען פאר די סטעיט יוסטיץ געביידע "די ראָבערט עיבראמס געביידע פאר געזעץ און יוסטיץ");
h. עקזעקיוטיוו ארדער נומער 24, ארויסגעגעבן אום אוגוסט 6, 2009 (אוועקשטעלנדיג א ציהל צו רעדוצירן שעדליכע גאז עמיסיעס מיט אכציג פראצענט ביז די יאר 2050 און צו צוגרייטן א קלימאט אקציע פלאן);
i. עקזעקיוטיוו ארדער נומער 31, ארויסגעגעבן אום נאוועמבער 25, 2009 (אויסרעכענענדיג די פאראנטווארטליכקייטן און כוח פון די סטימולוס השגחה פאנעל [Stimulus Oversight Panel]);
j. עקזעקיוטיוו ארדער נומער 32, ארויסגעגעבן אום דעצעמבער 14, 2009 (אוועקשטעלנדיג די גאווערנאר'ס איינהייט אויף דאס איינפירונג פון די 2009 פובליק אויטאריטעטן רעפארם געזעץ [Public Authorities Reform Act]);
k. עקזעקיוטיוו ארדער נומער 33, ארויסגעגעבן אום דעצעמבער 16, 2009 (פארבאטנדיג דיסקרימינאציע ביים אויפנעמען ארבייטער פאר די סטעיט לויט דזשענדער אידענטיטעט);
l. עקזעקיוטיוו ארדער נומער 35, ארויסגעגעבן אום פעברואר 18, 2010 (צוריקציהענדיג טייל 2 פון עקזעקיוטיוו ארדער נומער 142);
m. עקזעקיוטיוו ארדער נומער 38, ארויסגעגעבן אום יוני 8, 2010 (פארזעצנדיג די איינהייט פארן איינפירן די פובליק אויטאריטעטן רעפארם געזעץ [Public Authorities Reform Act]);
n. עקזעקיוטיוו ארדער נומער 39, ארויסגעגעבן אום נאוועמבער 4, 2010 (אוועקשטעלנדיג סטעיט פאליסיס פארן שטופן פאר ענווייראמענטאלע ריינקייט ביי לאקאלע פארמער און די באשיצונג פון אגריקולטורישע לאנד);
o. עקזעקיוטיוו ארדער נומער 41, ארויסגעגעבן אום דעצעמבער 13, 2010 (פאדערנדיג ווייטערע ענווייראמענטאלע איבערבליק פון הויכע-מאסן הײדראוליק פרעקטשורינג אין די 'מאַרסעלוס' שיכט פון דער ערד);
p. עקזעקיוטיוו ארדער נומער 42, ארויסגעגעבן אום דעצעמבער 13, 2010 (אוועקשטעלנדיג אן עקזעקיוטיוו טשעימבער רעקארדס מענעדזשמענט פאליסי);

VI. **עקזעקיוטיוו ארדערס פון גאווערנאר ענדרו מ. קאומאו וועלכע בלייבן אין קראפט**

a. עקזעקיוטיוו ארדער נומער 1, ארויסגעגעבן אום יאנואר 1, 2011 (אוועקנעמענדיג די שטרויכלונגען אין וועג פון סטעיט רעגירונג);
b. עקזעקיוטיוו ארדער נומער 3, ארויסגעגעבן אום יאנואר 2, 2011 (עטיקס טרענירונג);
c. עקזעקיוטיוו ארדער נומער 10, ארויסגעגעבן אום מערץ 2, 2011 (רעדוצירנדיג קאסטן פאר פערזענליכע סערוויסעס קאנטראקטן);
d. עקזעקיוטיוו ארדער נומער 11, ארויסגעגעבן אום מערץ 2, 2011 (פארשרייבנדיג פראצעדורן צו צוטיילן די סטעיט נידעריגע-איינקונפט האַוזינג קרעדיט אונטער טייל 42 פון די פאראייניגטע שטאטן אינערליכע איינקונפט געזעצבוך [Internal Revenue Code]);
e. עקזעקיוטיוו ארדער נומער 15, ארויסגעגעבן אום אפריל 27, 2011 (אוועקשטעלנדיג קאמיטעען צו אפשאצן קאנדידאטן פאר ריכטער);
f. עקזעקיוטיוו ארדער נומער 26, ארויסגעגעבן אום אקטאבער 6, 2011(שפראך צוגענגליכקייט פאליסי פאר די גאנצע סטעיט) און עקזעקיוטיוו ארדער נומער 26.1, ארויסגעגעבן אום מערץ 23, 2021 (שפראך צוגענגליכקייט פאליסי פאר די גאנצע סטעיט);
g. עקזעקיוטיוו ארדער נומער 88, ארויסגעגעבן אום דעצעמבער 28, 2012 (אנווייזנדיג סטעיט אגענטורן און אויטאריטעטן צו פארבעסערן די ענערגיע שפארזאמקייט פון סטעיט געביידעס);
h. עקזעקיוטיוו ארדער נומער 95, ארויסגעגעבן אום מערץ 11, 2013 (נוצן טעכנאלאגיע צו פארמערן דורכזיכטיגקייט, פארבעסערן טויגליכקייט פון רעגירונג און פארמערן אז בירגער זאלן זיין פארמישט);
i. עקזעקיוטיוו ארדער נומער 110, ארויסגעגעבן אום יולי 17, 2013 (שאפונג פון די מאָוהאק וואלי און 2013 אָפּסטעיט פארפלייצונג ערהוילונג פראגראם);
j. עקזעקיוטיוו ארדער נומער 130, ארויסגעגעבן אום מאי 20, 2014 (אוועקשטעלנדיג די ניו יארק סטעיט קאַונסיל אויף וועטעראנען, מיליטער מיטגלידער און זייערע פאמיליעס [New York State Council on Veterans, Military Members and Their Families]);
k. עקזעקיוטיוו ארדער נומער 147, ארויסגעגעבן אום יולי 8, 2015 (א ספעציעלע אנקלאגער צו אויספארשען און אנקלאגן איבער אנגעלעגנהייטן פארבינדן מיט טויטפעלער פון ציווילע בירגער דורך געזעץ אינפארסירונג אפיצירן); 147.28, ארויסגעגעבן אום אקטאבער 4, 2019; 147.36, ארויסגעגעבן אום יולי 15, 2020; 147.37, ארויסגעגעבן אום יולי 15, 2020; 147.38, ארויסגעגעבן אום יולי 15, 2020; 147.40, ארויסגעגעבן אום אקטאבער 7, 2020; 147.41, ארויסגעגעבן אום דעצמבער 28, 2021; 147.42, ארויסגעגעבן אום יאנואר 4, 2021;

l. עקזעקיוטיוו ארדער נומער 156, ארויסגעגעבן אום אפריל 5, 2016 (פארבאטנדיג סטעיט פינאנצירטע אדער סטעיט געספאנסארטע רייזע צו מיסיסיפי);

m. עקזעקיוטיוו ארדער נומער 157, ארויסגעגעבן אום יוני 5, 2016 (אנווייזנדיג סטעיט אגענטורן און אויטאריטעטן צו ארויסנעמען פובליק געלטער וועלכע שטיצן די BDS קאמפיין קעגן מדינת ישראל);

n. עקזעקיוטיוו ארדער נומער 159, ארויסגעגעבן אום יולי 20, 2016 (אוועקשטעלנדיג א פערמאנענטע איינהייט צו באקעמפן דאס אויסנוצן ארבייטער און מאכן ארבייטער פאר קאנטראקטארס);

o. עקזעקיוטיוו ארדער נומער 161, ארויסגעגעבן אום יאנואר 9, 2017 (פארזיכערנדיג יושרביים באצאלן סטעיט ארבייטער);

p. עקזעקיוטיוו ארדער נומער 162, ארויסגעגעבן אום יאנואר 9, 2017 (פארזיכערנדיג יושר ביים באצאלן סטעיט קאנטראקטארס);

q. עקזעקיוטיוו ארדער נומער 166, ארויסגעגעבן אום יוני 1, 2017 (ווידערהאלנדיג ניו יארק'ס קאמף קעגן עקאנאמישע און ענווייראמענטאלע דראונגען אנגעברענגט דורך קלימאט טויש און ווידער אוועקשטעלנדיג די ציהלן פון די פאריז קלימאט אפמאך);

r. עקזעקיוטיוו ארדער נומער 167, ארויסגעגעבן אום יוני 9, 2017 (פארבאט אויף אינשורענס פירמעס צו זיך ארויסציהען פון די NY State of Health, ניו יארק'ס אפיציעלע העלט אינשורענס פלאן מארקעטפלאץ);

s. עקזעקיוטיוו ארדער נומער 169, ארויסגעגעבן אום יולי 24, 2017 (סטעיט פאליסי איבער ווילער רעגיסטראציע);

t. עקזעקיוטיוו ארדער נומער 170, ארויסגעגעבן אום סעפטעמבער 15, 2017 (סטעיט פאליסי איבער אימיגראנט צוגענגליכקייט צו סטעיט סערוויסעס);

u. עקזעקיוטיוו ארדער נומער 171, ארויסגעגעבן אום אקטאבער 16, 2017 (ארגאן נדבות פאליסי);

v. עקזעקיוטיוו ארדער נומער 175, ארויסגעגעבן אום יאנואר 24, 2018 (פארזיכערנדיג אינטערנעט נייטראליטעט באשיצונגען פאר ניו יארקער);

w. עקזעקיוטיוו ארדער נומער 177, ארויסגעגעבן אום פעברואר 22, 2018 (פארבאטנדיג סטעיט קאנטראקטן מיט קערפערשאפטן וועלכע שטיצן דיסקרימינאציע);

x. עקזעקיוטיוו ארדער נומער 180, ארויסגעגעבן אום אפריל 2, 2018 (דעקלערנדיג א פובליק האַוזינג קאטאסטראפע [דיזעסטער] אין די פאלגנדע קאונטיס: בראנקס, קינגס, ניו יארק, קווינס און ריטשמאָנד);

y. עקזעקיוטיוו ארדער נומער 183, ארויסגעגעבן אום יוני 27, 2018 (באשיצנדיג די פערזענליכע פריוואטקייט פון פובליק סעקטאר ארבייטער);

z. עקזעקיוטיוו ארדער נומער 184, ארויסגעגעבן אום יולי 9, 2018 (באשיצנדיג פרויען'ס צוטריט צו מעדיצינען וועלכע האלטן צוריק פון טראגעדיג ווערן [קאַנטרעספשען]);

aa. עקזעקיוטיוו ארדער נומער 185, ארויסגעגעבן אום אוגוסט 13, 2018 (אוועקשטעלנדיג די 2023 וועלטליכע אוניווערסיטעטן שפיל קמיסיע [World University Games Commissio] און ארויסווייזנדיג די סטעיט'ס שטיצע פאר די שפילן);

bb. עקזעקיוטיוו ארדער נומער 187, ארויסגעגעבן אום אוגוסט 23, 2018 (פארזיכערנדיג פארשידנהייט און אויפנאמע און באקעמפן טשעפערייען און דיסקרימינאציע ביים ארבעטספלאץ);

cc. עקזעקיוטיוו ארדער נומער 190, ארויסגעגעבן אום נאוועמבער 14, 2018 (ארייינברענגענדיג געזונטהייט אין אלע פאליסיס צו די סטעיט אגענטורן אקטיוויטעטן);

dd. עקזעקיוטיוו ארדער נומער 192, ארויסגעגעבן אום יאנואר 15, 2019 (עקזעקיוטיוו ארדער פאדערנדיג אנגייענדע ערליכקייט פאדערונגען פון פירמעס וועלכע מאכן קאנטראקטס מיט די סטעיט);

ee. עקזעקיוטיוו ארדער נומער 196, ארויסגעגעבן אום סעפטעמבער 12, 2019 (צולייגן עלעקטראנישע ציגארעטן פארמיידונג אין אלע טאַבאק פארמיידונג און אפגעוואוינונג פראגראמען און מאטעריאלן און מאכן ברייטע חינוך'דיגע פראגראמען פאר שולע קינדער);

ff. עקזעקיוטיוו ארדער נומער 198, ארויסגעגעבן אום נאוועמבער 20, 2019 (דעקלערנדיג א קאטאסטראפע [דיזעסטער] אין די פאלגנדע קאונטיס: קאַיוגע, דזשעפערסאן, מאנראו, ניאגרא, ארליענס, אָסוועגא, סעינט לאורענס און וועין) און די נאכפאלגנדע ארדערס ביז – ועד בכלל – עקזעקיוטיוו ארדער נומער 198.19;

gg. עקזעקיוטיוו ארדער נומער 201, ארויסגעגעבן אום פעברואר 14, 2020 (גיבנדיג די נאמען פאר די סטעיט אוניווערסיטעט פון ניו יארק פלאַזאַ די "ה. קאַרל מקקאָל SUNY געביידע");

hh. עקזעקיוטיוו ארדער נומער 211, ארויסגעגעבן אום יולי 6, 2021 (דעקלעראציע פון א קאטאסטראפע [דיזעסטער] עמערדזשענסי איבער די גאנצע סטעיט צוליב רעוואלווער פארברעכנס) און די נאכפאלגנדע ארדערס ביז – ועד בכלל – עקזעקיוטיוו ארדער נומער 211.1;

ii. עקזעקיוטיוו ארדער נומער 212, ארויסגעגעבן אום אוגוסט 19, 2021 (דעקלערנדיג א קאטאסטראפע [דיזעסטער] אין סטיוּבען קאונטי);

jj. עקזעקיוטיוו ארדער נומער 213, ארויסגעגעבן אום אוגוסט 21, 2021 (דעקלערנדיג א קאטאסטראפע [דיזעסטער] אין די פאלגנדע קאונטיס: בראנקס, קינגס, נעסאו, ניו יארק, קווינס, ריטשמאָנד, סופאָלק, וועסטשעסטער, פאָטנעם, ראקלענד, ארענזש, דאָטשעס, סאָליווען, קאלאמביע, דעלעווער, גרין, ברום, שענענגאָו, אָטסעיגאָו, רענסעליער, סקאָוהערי, אלבאני, מאַנטגאָמרי, סקענעקטעדי, סאראטאָגע און גרעניצנדע קאונטיס).

א ר ו י ס ג ע ג ע ב ן אונטער מיין האנט און אונטער דעם אפיציעלן זיגל פון אלבאני סיטי אום דעם אכטן טאג אין אקטאבער, אין דעם יאר צוויי טויזנט איין און צוואנציג.

דורך די גאווערנאר

סעקרעטאר פאר דעם גאווערנער